# ניו יארק סטעיט ניי-געבוירענע קינדער סקרינינג פאציענט רעגיסטרי (New York State Newborn Screening Patient Registry)

## לערנען פון אייער ערפארונג פאר א בעסערע צוקונפט



וויבאלד אייער קינד נעמט אנטייל אין די ניו יארק סטעיט ניי-געבוירענע קינדער סקרינינג פאציענט רעגיסטרי (New York State Newborn Screening Patient Registry):

- העלט קעיר פראוויידערס קענען לערנען איבער די קראנקהייטן אויף די ניי-געבוירענע קינדער סקרינינג פאנעל און די בעסטע באהאנדלונג.
- העלט קעיר פראוויידערס האבן צוטריט צו אינפארמאציע פאר א ברייטערע גרופע פון פעציענטן פון וואס זיי באהאנדלען אין זייער קליניק.
- פארבעסערונגען קענען ווערן געמאכט צו ניי-געבוירענע קינדער סקרינינג אין ניו יארק סטעיט!

### דערמאנונג

אייער קינד וועט זיין איינגעשריבן ביז די 18 יאר אלט. ווען זיי ווערן 18 יאר אלט, וועלן מיר בעטן אייער קינד'ס ערלויבעניש צו ווייטער גיין אינעם רעגיסטרי ביז 21 יאר אלט.

איר קענט סיי ווען בעטן אז מיר זאלן אויפהערן זאמלען אינפארמאציע איבער אייער קינד. אינפארמאציע וועט נישט ווערן געזאמעלט פונעם דאטום וואס מיר באקומען אייער פארלאנג.

איר קענט אויך ארויסציען אייער קינד פונעם פראיעקט. די אינפארמאציע וואס איז שוין געזאמעלט געווארן וועט ווערן ארויסגענומען פונעם רעגיסטרי און מען וועט מער נישט זאמלען קיין אינפארמאציע.

שריפטליכע פארלאנגען זאלן געשיקט ווערן אויף פאסט אדער פאקס צו:

Newborn Screening Program
Wadsworth Center
NYS Department of Health 120
New Scotland Avenue
Albany, NY 12208

פאקס: (518) 474-0405